NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13346

# SHABES IN VALD

Jacob Fichman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול־ביבליאטעק

№ 36

יעקב פיכמאן

# שבת אין וואלד

פארלאג „קולטור־ליגע“ ווארשע

געדרוקט אין 1000 עקז. װאַרשע 1924,
דרוק. „די װעלט" װאַרשע, נאָװאָליפּיע № 7.
Jakow Fichman — Szabos in Wald
Druk. „Di Welt" Warszawa Nowolipie 7

# שבת אין וואלד

## א

אמאָל איז געווען א ייד אין א קליין שטעטל, א ייד א שנײַדער, האָט ער געהייסן ליפע-ליפע דער שנײַדער.

איז דער דאָזיקער ליפע געווען א פשוטער ייד, קוים דאַוונען געקענט, און א גרויסער אָרעמאַן, נישט פאַר קיינעם בעדאַכט, נאָר דאָס אָרעם שטיקל ברויט פאַר זיך און זײַן ווײַב נחמה מיט די קינדערלעך האָט ער פאַרדינט — צו לײַטן, חלילה, נישט אָנגעקומען. פון זונטאָג ביז פרײַטאָג, ווי גרויס די וואָך איז, פון דאָרף צו דאָרף געגאַנגען און פאַר די פויערים געאַרבעט; גענייט, געלאַטעט און איבערגעניצעוועט — קיין גרויסער איבערקלײַבער איז ליפע נישט געווען. פלעגט ער, מאָלט אײַך, געניג פאַרשוואַרצט ווערן די זעקס טעג פון דער וואָך. דערפאַר אָבער, אז גאָט האָט געהאָלפן, ס'איז געקומען פרייטאָג, ערב שבת, האָט שוין געמעגט שטיין אים דאָס גרעסטע פאַרדינסט-פלעגט ליפע דער שנײַדער זיך אײַלן אהיים. ס'האָט געמעגט דונערן און בליצן, האָט ער געמוזט זײַן אויף שבת אין דערהיים, אין זײַן ציכטיק שטיבל, מיט זײַן ווײַב נחמה און זײַנע

קינדערלעך, מאכן קידוש און זינגען זמירות, ווי גאָט האָט געבאָטן. ווייל די גרעסטע מצוה ביי ליפע דעם שניידער איז געווען ערלעך האלטן דעם הייליקן טאָג שבת. אינעם זכות פון שבת, האט ליפע געגלייבט, באַשערט אים דער, וואָס לעבט אייביק, זיין ברויט אויף דער גאַנצער וואָך. האָט ער זיך פאַרגענומען איינמאָל פאר אלע מאָל — די דאָזיקע מצוה פון שבת אָפּצוהיטן. ווייל מיט וואָס קאָן, אינדערמאמתן, גאָט דינען אזא פשוטער ייד, אַן אָרעמער דאָרף־שניידער, וואָס קען קוים דאַווענען?

איז ביי ליפע דעם שניידער געווען שוין איינגעפירט פון אלע יאָרן אויפצושטיין פרייטאָג א גרויסן פאַרטאָג און אַרויסגעבן ביז אין דערפרי די גאַנצע אַרבעט, כדי ער זאָל קאָנען באַצייטנס זיך לאָזן אַהיים אויף שבת. פון דער מינוט אָן, וואָס ער האט זיך געלאָזט אין וועג אַריין אַהיים, האָט ער שוין געפילט, ווי די זאָרגן פון דער וואָך פאַר־לאָזן אים אינגאַנצן און זיין הארץ ווערט פול מיט דער פרייד פונם הייליקן טאָג. בפרט זומער, ווען די צייט איז שיין, די פעלדער זענען גרין און פון אלע זייטן שמעקט און זינגט, און גאָט אַליין האָט הנאה פון זיין וועלטעלע, וואָס ער האָט באַשאַפן. דעמאָלט איז קיין גליקלעכער פון ליפען נישט געווען. ער האָט גאָרנישט געפילט די שווערקייט פונם וועג און פון דער משא, וואָס ער טראָגט אויף זיך, און געטראַכט נאָר, וואָס גיכער קומען אַהיים און זיך צוגרייטן צו שבת. נאָר אפילו אין הארבסט און ווינטער, ווען די וועגן זענען בלאָטיק, דער הימל איז פאַרלייגט מיט שווערע וואָלקן, די פעלדער ליגן נאַקעטע און אומעטיקע, און די וועלט שטייט אזוי שווייגט, ווי פאַראַבלט, פאַלט ליפע דער שניידער נישט אַריין איז עצבות. ער טוט נאָר א טראַכט

אַז אין דערהיים האָט זײַן װײַב נחמה שױן מסתּמא פֿאַר־שטעקט דעם טשאָלנט, אַרומגעװאַשן די קינדערלעך און אײ־שטוב איז ריין און װאַרעם, יעדער װינקעלע זינגט-און זײַן



האַרץ װערט באַלד פֿריילעך, און די פֿיס-גרינג; ער פֿילט שױן דעם עונג-שבת און די פֿרייד פֿון דער מצוה.

אַזוי האָט ליפּע זיך אױפֿגעפֿירט אַלע יאָרן, און גאָטס ברכה האָט גערוט אין זײַן אָרעם שטיבל. אַ גאַנצע װאָך אָפּגעלעבט מיט װאָס ס׳איז, נאָר שבת האָט דער גוטער מלאך געקוקט און געקװאָלן-דער הייליקער טאָג שבת איז קיינמאָל נישט פֿאַרשטערט געװאָרן בײַ ליפּע דעם שניידער אין שטוב.

---

ב

מאכט זיך אמאָל, ווינטער, שבת-צײַט, ווען די קעלטן שטאַרקן זיך, שטייט זיך ליפּע אויף, ווי זײַן שטייגער איז, פרײַטאָג פאַרטאָג, אַרבעט זיך געשמיידיק ביז אינדערפרי — די אַרבעט ברענט אים אונטער די הענט. ער וויל זיך הײַנט מקדים זײַן, ווײַל די טעג זענען איצט קליין און דער וועג שווער. באַמערקט ער נישט, אַז די גאַנצע נאַכט האָט דער שניי געהאַלטן אין איין שיטן און אַז ס'איז אַ רחמנות אַ הונט אויף דער גאַס אַרויסצולאָזן — אַזאַ ביטערע קעלט איז אין דרויסן און, צופרידן, וואָס ער האָט אַזוי פרי פאַרענדיקט זײַן אַרבעט, הויבט ער זיך שוין אָן גרייטן אין וועג.

דערווײַל הויבט זיך אויף אַ מסוכנע זאַווערוכע אין דרויסן, אַ ווינט מיט אַ חשכות, אַז מען זעט די לעבעדיקע וועלט נישט פאַר זיך. עס רײַסט די שטרויענע דעכער אַראָפּ פון די שטאַלן און פאַר די הײַזער בלאָזט אָן אַזוינע שניי-הויפנס אַז מען קאָן קיין טיר נישט עפענען.

קומט אַרײַן דער גוי פון דרויסן און זעט, ווי ליפּע שטייט מיטן פעקל אויף די פּלייצעס, פאַרטיק אין וועג אַרײַן — צלמט ער זיך אויס איבער פאַר שרעק: ווי לאָזט זיך עס אַ מענטש אין וועג אַרײַן, אַז ס'האָט פאַרשאָטן אַלע וועגן אין דרויסן און אַלע אומרײַנע רוחות דרייען זיך איצט אין פעלד? הערט אים עפּעס ליפּע, אַז ער מוז זײַן אויף שבת אינדערהיים! זאָגט ער, אַז פאַר קיין אומרײַנע רוחות האָט ער קיין מורא

נישט, אז ס'איז אים נישט דאָס ערשטע מאָל — ער האָט אַ גרוידסן גאַט, און ער וועט אים ברענגען אַהיים בשלום. און אין האַרצן טראַכט ער זיך, אַז די מצוה פון שבת וועט אים אויך אַצינד בײַשטיין, און זײַן שבת וועט נישט פאַרשטערט ווערן.
זעט שוין דער גוי, אַז ער וועט מיט אים גאָרנישט מאַכן — לאָזט ער אים גיין זײַן וועג; און אין האַרצן טראַכט ער זיך, אַז דער אײַנגעשפּאַרטער ייד גייט אויף אומצוקומען, ווײַל דער ווינט און דער פראָסט האָבן זיך אַלץ מער געשטאַרקט אין דרויסן, און כאָטש אַ גוי, האָט ער גרויס רחמנות אויף אים. „אַ שאָד! זאָגט ער דעם ווײַב, אפילו אַ ייד, נאָר אַ גאָטס־פאַרכטיקער מאַן אונזער שנײַדער. זאָל גאָט זיך אויף אים דערבאַרעמען!"

---

ג

דערווײַל גייט זיך ליפע איינער אַליין אין וויסטן פעלד. דאָס פעקל אויף די פּלייצעס און אין דער האַנט אַ לאַנגן שטעקן, מיט וועלכן ער טאַפּט דעם וועג ער זאָל ניט אַרײַנפאַלן ערגעץ אין אַ פאַרשנייטער גרוב. נאָר, וואו וועג, וואָס וועג, — אַז ס'האָט פאַרשאָטן קוסט און בוים, באַרג און טאָל, און די גאַנצע געגנט הויבט מען נישט אָן צו דער־קענען? הימל און ערד־איינס, און וואו דאָס אויג פאַלט — נאָר ווײַס. זאָל עס זײַן ערגעץ כאָטש אַ סימן פון אַ שטיין, פון אַ סלופּ, אַ פלעק פון אַ וואַלד, צי פון אַ בערגל! און דאָ בלאָזט נאָך דער אײַזיקער שניי גלײַך אין פנים אַרײַן, שטעכט ווי מיט נאָדלען און פאַרקלעפּט די אויגן, אַז מען זעט אויף אַ שפּאַן נישט פאַר זיך. פאַלט אָבער ליפע דער שנײַדער נישט

אַראָפּ בײַ זיך און גײט זײַן װעג מיט גרױס בטחון. פֿאַרקריכט ער אין אַ טיפֿן גראָבן, פֿאַלט און ברעכט שיִער נישט ריק און לענד. נאָר ער שטײט אױף נישט געשעדיקט און גײט װײַטער. ער װײסט, אַז גאָט איז מיט אים, און װעט אים ברענגען אַהײם בשלום.

װאָס װײַטער, װערט דער װעג שװערער. די פֿיס זינקען אַלץ טיפֿער אין די שנײ־בערגלעך, װאָס פֿאַרשטעלן אים דעם װעג, און דער װינט שמײַסט שטאַרקער אין פּנים אַרײַן. נאָר



ליפּע שטרענגט אָן אַלע כּוחות און גײט װײַטער, ביז ער קומט צו אַ װאַלד. בײַם װאַלד בלײַבט ער שטײן אַ װײַלע און דאָס האַרץ הױבט אים אָן שטאַרק צו קלאַפּן. פֿון יענער זײַט װאַלד איז באַלד דאָס שטעטל, נאָר טאָמער פֿאַרבלאָנדזשעט ער, איז ער אַ פֿאַרפֿאַלענער. װײַל דער װאַלד ציט זיך מײַלן־לאַנג און איז געדיכט און פֿול מיט װילדע חיות און מיט מענטשן־גזלנים, װאָס זענען נאָך ערגער פֿון חיות. נישט אײן מענטש פֿון דער געגנט

איז שוין אַרײַנגעפּאַקן אין װײַערע הענט, און מען װײסט נישט ביז איצט, װאו זײער געבײן איז אַהינגעקומען.

גייט ליפּע אַרײַן אין װאַלד מיט גרויס פּחד. גייט און קוקט זיך אום אַלע רגע, זוכט עפּעס אַ סימן פון אַ װעג; פון אַ סטעזשקע. און ס'װײַזט אויס. אַז אָט־אָט איז ער שוין פון יענער זײַט װאַלד. נאָר ער גייט און גייט, גייט און גייט־און דער װאַלד לאָזט זיך אַלץ נישט אויס. דער װינט איז שוין אפילו געװאָרן שטילער, נאָר דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער. די נאַכט רוקט זיך אָן. ליפּע פילט, אַז אָט-אָט פאַלט ער אַנידער אַ טויט־מידער אין שניי און מיט אים איז אַ סוף, נאָר ער לאָזט זיך נישט אָפּ און שלאַנדערט אין טיפן שניי אַלץ װײַטער, אַלץ טיפער אין װאַלד.

דערװײַל װערט אין װאַלד אַלץ פינסטערער, אימה־דיקער. די ביימער שטייען אַלע ביז אין גאַרטל פאַרגראָבן אין שניי און טוען מיט די פאַרגליװערטע קעפּ נישט קיין ריר. אַ טרויעריקער פאַלט אויף אַלצדינג. ליפּע פּלאָנטערט שוין קוים מיט די פיס. נאָר אָט זעט ער, אַז ס'איז שוין צײַט מקבל־שבת צו זײַן און מ'טאָר שוין נישט טראָגן. װאַרפט ער אַראָפּ דאָס פּעקל פון די פּלייצעס און שטעלט זיך אונטער אַ בוים דאַװנען מנחה. בעט ער גאָט מיט אַ צעבראָכן האַרץ און טרערן רינען פון זײַנע אויגן. – „גאָטעניו געטרײַער! – בעט ער – טו אַזוי, אַז ס'זאָל מײַן שבת נישט פאַרשטערט װערן! איך, ליפּע דער שנײַדער, דאַרף דאָך דיך שוין נישט לערנען, װי אַזוי!“

און פּלוצים דערפילט ער, אַז ס'װערט אים מיטאַמאָל גרינג דאָס האַרץ, גלײַך װי ער געפינט זיך גאָרנישט אין קיין מקום סכנה. אַ װאַרעמקײַט צעגיסט זיך אין אַלע אבֿרים.

גלויבט ער שוין, אז גאָט ברוך הוא האָט זײַן געבעט דערהערט און ער וואַרט, וואָס מיט אים וועט געשען...

---

ד

אָפּגעדאַוונט מנחה, הייבט ליפּע אויף די אויגן און גיט אַ קוק, דערזעט ער, ווי צווישן די ביימער לויכט עפּעס אַ פּײַערל. קומט אים אויס די זאַך זייער משונהדיק:



פֿון וואַנען האָט זיך פּלוצים גענומען אַ פֿײַערל אַהער, אַז פֿון זינט ער געדענקט, וואוינט דאָ אין וואַלד נישט קיין לעבעדיקער מענטש? פֿאַרשטייט ער שוין, אַז די זאַך איז נישט פּשוט; לאָזט ער איבער דאָס פּעקל אונטערן בוים און גייט אין יענער זייט, פֿון וואַנען דאָס פֿײַערל ווינקט. זעט ער,

אז דאָס פּיִערל קומט אים ווי אַנטקעגן, און ווי ער האָט נאָר געמאַכט עטלעכע טריט, וואַקסט אויס פאַר זײַנע אויגן אַ וואונדער-שײנער פּאַלאַץ, אײַנגאַנצן געבויט פֿון מירמלשטײן, און אַלע פענסטער באַלויכטן מיט שבת-ליכט; נאָר אַרום און אַרום איז פּוסט און ליידיק-קײן מענטשן. קײן לעבעדי באַשעפעניש זעט מען נישט.

מײנט ליפּע, אַז ס'איז אַ חלום, און רײַבט זיך די אויגן. זעט ער, אַז ס'איז טאַקע אַן אמתער פּאַלאַץ, וואָס ער האָט נאָך זײַן גלײַכן נישט געזען. פאַלט אים אײַן: אפשר וואוינען דאָ גזלנים אָדער נישט-גוטע... זעט ער אָבער, אַז די ליכט ווינקען צו אים אַזוי ליבלעך, גלײַך די פאַרבעטן אים צו זיך: קום אַרײַן, ליפּע דער שנײַדער! דאָס האָט מען אונז צוליב דיר אָנגעצונדן-ס'זאָל דײַן שבת נישט פאַרשטערט ווערן..."

נעמט זיך ליפּע אָן מיט האַרץ, עפנט שטילערהייט די טיר פֿונעם פּאַלאַץ און גייט אַרײַן.

און ליפּע דער שנײַדער האָט דאָרט מיט זײַנע אויגן דערזען אַזוינס, וואָס ס'האָט זיך אים קײנמאָל נישט געחלומט אפילו. ס'האָט געשימערירט אין די אויגן פֿון די טײַערע קרישטאָלענע לײַכטער און ס'איז אים פאַרגעגאַנגען דער ריח פֿון טײַערע מאכלים, וואָס זענען געשטאַנען אויף גרויסע טישן, באַדעקט מיט קלאָר-ווײַסע טישטוכער פֿון די זעלטענע ווײַנען, וואָס האָבן געפינקלט אין די פלעשער; נאָר אַרום און אַרום איז אַלץ ליידיק-קײן מענטשן, קײן לעבעדיק באַשעפעניש זעט מען נישט.

קומט ער צו אַ טיר, און גייט איבער אין אַ צווייטן חדר, זעט ער, אַז דאָ זענען די טישן פֿון גלאַנצנדיקן זילבער און זילבערנע שטולן שטייען אַרום זיי און אויף די קלאָר-ווײַסע טישטוכער שטייען צעשטעלט די זעלבע טײַערע

מאכלים און די ווייַנען פינקלען אין די פלעשער; נאָר אַרום און אַרום איז ליידיק-קיין מענטשן, קיין לעבעדיק באַשעפעניש װעט מען נישט.

גייט ער איבער אין אַ דריטן חדר. װענען דאָרט שוין די טישן פון לויטער גאָלד און גילדענע שטולן שטייען אַרום זיי, און די מאכלים שמעקן און די װייַנען פינקלען; נאָר אַרום און אַרום איז אַלץ ליידיק-קיין מענטשן, קיין לעבע-דיק באַשעפעניש װעט מען נישט.

גייט ער אַזוי פון חדר צו חדר, און װאָס װייַטער אַלץ שענער. אַלץ רייַכער-ביז ער קומט צום לעצטן חדר, אײַנ-גאַנצן באַזעצט מיט בריליאַנטן און אבנים טובות, אַז עס פאַרנעמט דאָס אויג; נאָר אויך דאָ איז אַרום און אַרום אַלץ ליידיק-קיין מענטשן, קיין לעבעדיק באַשעפעניש װעט מען נישט.

בלייַבט ליפע שטיין פאַרבלענדט פון דעם אַלעם, װאָס זייַנע אויגן האָבן געזען. — „רבונו של עולם!“- רעדט ער צו זיך—בין איך, ליפע דער שנייַדער, דען װערט, אַז מיר זאָל געטאָן װערן אזא נס?“

---

ה

פלוצים דערהערט ער אַזוי װי אַ שטיל געזאַנג הויבט זיך אויף פון ערגעץ, שװעבט פון דערװייַט, און קומט צו אַלץ נענטער. און אַ געזאַנג איז דאָס — ממש כלות הנפש; לויטערע טענער טריפן אַ רגע שטיל, פאַלן װי װייכע טול-טראָפנס און צעגיסן זיך גלייַך, װי אַ לעבעדיק װאַסערל צווישן סטעפ-גראָז. פון אַ טיפעניש הויבט זיך דאָס געזאַנג.

און אָט פאַרשפּרייט זיך עס, ווי אַ מעכטיקער פויגל מיט זײַנע פליגלען, איבער אַלע חדרים פונם פּאַלאַץ און דערגרייכט אַלץ העכער און העכער. ליפּע רירט שוין מיט קיין גליד נישט. דאָס דיסע געזאַנג צעגיסט זיך אים אין אַלע אבֿרים. הויבט אים אויף און טראָגט אים אַרום, ווי אַ גרינג פעדערל. אַ חידוש איז אים נאָר, וואָס דער ניגון ועט אים אויס אַזוי באַקענט. ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ער האָט אים שוין געהערט נישט איין מאָל אין בית-המדרש. נאָר קיינמאָל האָט ער זײַן מתיקות נישט געשפּירט, ווי הײַנט. ער לייגט צו דאָס אויער. און אָט צעגיסן זיך, ווי אַ ריינער גאָלד-קלאַנג, אָגעזאָפּט מיט געטלעכער פרייד. די ווערטער: „לכו נרננה לה'-קומט לאָמיר זינגען צו גאָט!...“

און ווי ער שטייט אַזוי פאַרגליווערט, עפנט זיך אויף די טיר און אַ גרײַז-גרויער זקן, אין ווײַסן געהילט, קומט אַרײַן, דערלאַנגט ליפּען אַ סידור און פאַרבעט אים מיט אַ וואונק, ער זאָל גיין נאָך אים. גייט ער נאָך דעם גרײַז-גרויען זקן אַרײַן אין זיבעטן חדר, זעט ער אַ גאַנצע עדה זקנים, אַלע אין ווײַסן געהילט, זייערע פּנימער לויכטן, ווי ליכטיקע זונען, און זיי שטייען אַלע און זינגען אַ ליבֿ-ליד דער מלכּה שבת. פאַרשטייט שוין ליפּע, אַז ער איז אין גן-עדן התּחתּון און אַז ער זעט פאַר זיך לויטער צדיקים, גאוני-עולם, און בלײַבט שטיין ווי צוגעקלעפּט צום אָרט, שעמט זיך די אויגן אויפצוהויבן. „רבונו של עולם: –טראַכט ער זיך: — ווי קום איך, ליפּע דער שנײַדער, אַהער?“ שטייט ער אַזוי ביז נאָך קידוש. הויבן זיך אויף די זקנים פון זייערע ערטער, גייען צו צו ליפּען, פאַרנייגן זיך פאַר אים און זאָגן אים פרײַנטלעך: - גוט שבת, אורח!

און רעדנדיק מיט אים אַזוי, פאַרבעטן אים די זקנים

צום טיש, און מען זעצט זיך אלע עסן. מאלט אײַך שוין אליין אויס, וואס פאר א סעודה איז דאס געווען, וואס פאר א זמירות זענען דאס געווען! ליפען האט מען אויפגעזעצט אויבן-אָן, נאר ער האט אלץ נישט פארגעסן, ווער ער איז, און געשמעקט זיך צו עסן. האָבן אים די זקנים געשטארקט מיט גוטע רייד און אלץ געזאגט צו אים:

– עס, ליפע, און זאל דיר וואויל באַקומען! מיר האָבן שוין לאנג אזא אָנגעלייגטן גאסט נישט געהאט!

עסט ער, נאר א חידוש איז אים, וואס דער טעם פון די מאכלים איז אים באַקאַנט. ער וואָלט געמעגט שווערן, אז דאס זענען די זעלבע מאכלים, וואָס זײַן ווײַב נחמה גרייט צו שטענדיק אויף שבת

---

ו

האט שוין ליפע דער שנײַדער פארבראכט א שבת, אויף אלע אונזערע ליבע געזאגט! אים האט נאר ווי געטאן דאס הארץ, אז ער האט זיך דערמאנט אָן זײַן ווײַב נחמה און אָן זײַנע קינדערלעך, וואס האבן א פארשטערטן שבת איבער אים. נאר ווי באלד מ׳האט געמאכט הבדלה, איז דער גאנצער פאלאץ פלוצים נעלם געווארן, און ליפע זעט, אז ער שטייט שוין ווידעראַמאָל אונטערן בוים, וואו ער איז נעכטן געבליבן שטיין. דאס פעקל ליגט אויף זײַן אָרט און דער שטעקן שטייט אריינגעשטעקט אין שניי. מאכט ער עטלעכע שפאן-וואו וואלד, וואס וואלד! ער שטייט שוין אין שטעטל, נישט ווײַט פון זײַן שטיבל.

אין דערהיים מאכט ליפע א שווײַג און דערציילט נישט

קינעם, וואו ער האט פארבראכט שבת, נאָר, אז זײַן הײַנ
נחמה פלעגט שבת דערלאַנגען צום טיש די שמעקנדיקע
פיש און אים, ווי איר שטייגער, זאָגן:
– ס׳איז שוין פיש, ליפע – דעם טעם גן-עדן האבן די!
פלעגט ליפע דער שנײַדער אפטמאל א שמייכל טאן פאר
זיך און א זאג טאן:
– יא, יא, נחמה מײַנע! איך ווייס שוין לאנג, אז דײַ־
נע שבתדיקע מאכלים האבן דעם אמתן טעם גן-עדן...
און וואס ער האט געמיינט מיט די ווערטער, האט
קיינער אין שטוב נישט פארשטאנען.